NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13267

YONTEV

Shmuel Halkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול-ביבליאָטעק.

№ 20.

װ. האַוף.

דער בושעל-דער מלך.

ייִדיש — י. י. זינגער.

קיעווער פֿאַרלאַג

— גערדוקט אין 5000 עקז.

װעצעריי „אידישער פֿאָלקס-פֿאַרלאַג“, דרוקעריי „ראַבאָטניק“.

1919.

דער בושעל־דער מלך.

אַבדול מחמד, דער סולטאַן פון דער גרויסער טאַר־קישער מלוכה, האָט באַמערקט שוין פון אייניגע טעג, אַז דער אַלטער כאַלאַט־אַלבאַקאַשאַ, זיין שני־למלך, געהט אום אַ טרויעריגער, נאָר ער האָט נישט געוואוסט די סיבה דערפון.

— צי זעהט ער גיט, דער אַלטער, עפּיס אַ מרידה אין פאלק — האָט אַבדול מחמד געטראַכט.

— צי האָט אפשר אַן אונטערטעניגער קעניג נישט אַריינגעטראָגן זיין יערליכן צינש און מכּים אוצרות.

אויף מאָרגן, אַז אַלבאַקאַשאַ איז אַריין אין סולטאַנס בלויען פּאַלאַץ און געפאַלן מיט'ן פּנים נעבן גאָלדענעם טראָן, האָט אים אַבדול מחמד גלייך אויסגעשטרעקט די גאָלדענע רוט און געזאָגט:

— שטעה אויף, כאַלאַט, מיין אַלטער, טרייער דינער און זאָג דיין האַר, פאַרוואָס איז טרויעריג דיין פּנים.

— אָ, גרויסער האַר — האָט אלבאקאשא אויסגערופן און אָנגערירט דעם שפּיץ פון דער גאָלדענער רוט — דיין קנעכט האָט געזעהן טייערע קונסט־זאַכן ביי אַלי־מאַלי, דעם גרויסן אַנטיקן־הענדלער, און דאָס האַרץ פון דיין

קנעכט האָט געטון גלוסטן צו זיי און דעריבער איז צווי כּרויעריג דאָס פּנים פון דײַן קנעכט.

— אַך, האָט דער סולטאַן מיט שפּאָט אויסגערופן, — קאָן דען פּעהלן עפּיס אַ זאַך דעם שני-למלך פון גרויסן סולטאַן, וואָס די זון געהט קיינמאָל ניט אונטער אין זײַן הערשאַפט. די רגע זאָל אלי-מאלי אָנלאָדן זײַנע אַלע קעמלען און אייזלען מיט זײַן גאַנץ פאַרמעגן און ברענגען עס אין סולטאַנס פּאַלאַץ — און דו, אַלבאַקאשא, מײַן אַלטער, טרײַער דינער, קלײַב אויס פון אַלץ, וואָס דײַן הארץ באַגערט און זאָל געצאָלט ווערן פון מײַנע גרויסע מלוכה-אוצרות.

— אָ, גרויסער האַר, — האָט אלבאקאשא אויסגערופן און געפּאַלן מיט׳ן פּנים צו דער ערד — ווי גרויס איז דײַן חסד און לייטזעליגקײַט צו דײַן אָרימען קנעכט, דײַן אַלטען, טרײַען כּאַלאַט.

באַלד איז אלי-מאלי צוזאַמען מיט צוואַנציג קנעכט געווען אין בלויען פּאַלאַץ און אויסגעלעגט אויף די פּערסישע זײַדענע דיוואַנען זײַן גאַנץ האָב און גוטס: טערקישע זײַדענע שאַלן, אויסגענייהט מיט גאָלד און באַפּוצט מיט בריליאַנטן, לאַנגע לידקעס פון טײַערן בורשטין גינגאָלדענע טאַבעק-שקעטעלאַך, פּערלמוטערנע קינזשאַלן יאַפּאַנישע האָלץ שניצערײַען און כינעזישע פּאָרצעלײַען, און קלײַנע פיגורלאַך, געשניצט פון העלפאַנדביין — דערצו פאַרשיידענע פּימכנהאָלצענע קעסטעלאַך, אויסגעבעט מיט זײַד און אַטלאַס און אָנגעפילט מיט גרויסע ליכטיגע פּערל און די שענסטע קרעלן.

— אָ, כאַלאַט-האָט דער סולטאַן געזאָגט און זײַן פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד, אָנקוקנדיג די שענקייטן - דײַנע אויגן דערזעהען נאָך אַלץ דאָס שענסטע, הגם זיי זײַנען שוין אַזוי אַלט - קלײַב אויס פון אַלץ נאָר, וואָס דײַן האַרץ באַגערט - און דו, אלי-מאַלי, געה צום שר פון מײַנע גרויסע אוצרות און מ'וועט דיר פאַר אַלץ אָפּוועגן אין לויטער גאָלדענע שקלים.

— אָ, מלך המלכים - האָט אלי-מאלי אויסגערופן און געפאַלן מיט'ן פּנים צו דער ערד - מיט וואָס האָט דאָס זוכה געווען דער מינדסטער פון דײַנע קנעכט צו דעם דאָזיגן גרויסן חסד.

אַז אלי-מאלי איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר און דאָס לעצטע מאָל מיט זײַן פּנים צו דער ערד געפאַלען, האָט דער סולטאַן באַמערקט, ווי ער לאָזט אַרויס פון זײַן ברייטן אַרבל אַ קליין פושקעלע און היט עס מער ווי זײַן גאַנץ פאַרמעגן. דער סולטאַן האָט געוואָלט דער-געהן וואָס פאַר אַן אַנטיק אלי-מאַלי באַהאַלט און גע-זאָגט:

— בלײַב שטעהן, אלי-מאלי, דערנעהענטער זיך נאָך אַמאָל צו מײַן קעניגליכן טראָן.

— אָ, גרויסער חסד,—האָט אלי-מאלי אויסגערופן און נאָך-אַמאָל מיטגרויס ציטערניש צו דער ערד געפאַלן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חשובע זאַך אין דײַן האַנט? -האָט דער סולטאַן געפרעגט.

— אָ, גרויסער חסד—האָט אלי-מאלי מיט גרויס צי-טערניש געענפערט-דאָס איז אַ געוועהנליך צירונג-קע-

סטעלע, מלך המלכים,-וואָס ליגט שוין אַ סך יאָרן בײַם מינדסטען פון דײַנע קנעכט—קיינער וויל עס נישט קויפן, ווייל ס'איז דאָ דערויף אָן אויפגעשריפט אויף אַ פרעמדן לשון,—נישט דאָס לשון פון אונזער הייליגן נביא.

— גיב עס אַהער, אלי-מאלי—האָט דער סולטאַן באַפוילן,—זאָג וויפיל דיר קומט און מ'וועט דיר אָפּוועגן אויף דערפאַר אין לויטער גאָלדענע שקלים.

- אָ, גרויסער חסד - האָט אלי-מאלי אויסגערופן און געפאַלן מיט'ן פנים צו דער ערד.

אַז אלי-מאלי איז אַרויס, האָט דער סולטאַן געעפנט דאָס קעסטעלע און טאַקי דערזעהן פרעמדע אותיות אויף געלן פאַרמעט געשריבן — נישט אויפ'ן לשון פון הייליגן מחמד און זײַן קאָראַן - און ער האָט באַפוילן:

— באַלד זאָלן זיך פאַרזאַמלען אַלע חכמים, חרטומים, כשוף-מאַכער און שטערנזעהער פון מײַן גרויסער רעזידענץ און זיך פאָרשטעלן פאַר מײַן קעניגליכן טראָן אין מײַן גרויסן, בלויען פאַלאַץ.

די קעניגליכע לויפער זײַנען געלאָפן ווי אינדן אײַבער סטאַמבולער גאַסן, און די קליגסטע לײַט פון סטאַמבול פאַרזאַמלט; כאלאט אלבאקאשא האָט די טירן געעפנט און צו צוויי-ווײַז זײַנען אַרײַן זקנים אָהן אַ שיעור, אַלע מיט ווײַס-זילבערנע בערד ביז די טריט און לאַנגע שניי-ווײַסע לאָקן — און געפאַלן מיט די פנימער פאַר'ן סולטאַנס גאָלדענעם טראָן.

— שטעהט אויף, חכמים, חרטומים, כשוף-מאַכער און שטערנזעהער — האָט דער סולטאַן באַפוילן און

זיין גאָלדענע רוט אויסגעשטרעקט — שטעהט אויף, איר קלוגע פון מיין גרויסער מלוכה און הערט די ווערטער פון גרויסן סולטאַן, וואָס די זון געהט קיינמאָל נישט אונטער אין זיין גרויסער הערשאַפט.

— אָ, גרויסער חסד - האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגע-רופן און זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

— הערט, איר אַלע, חכמים, חרטומים, כשוף-מאַכער און שטערנזעהער—האָט דער סולטאַן מיט אַ פאָרכטיג קול געזאָגט און באַוויזן די פרעמדע אויפשריפט.

— נעמט דאָס קעסטעלע און באַטראַכט די אויפ-שריפט, וואָס איז דאָ אינעווייניג—ווער איר דאָס איבער-לייענען, וועל איך אייך באַשענקען מיט אַ טייל פון מיינע גרויסע מלוכה-אוצרות און מאַכן אייך פאַר די חכמים איבער אַלע חכמים פון אַלע מיינע מלוכות פון מזרח ביז מעריב—טאָמער נישט, וועלן אייערע קעפ פון אייך ווערן אַראָפגענומען און געגעבן ווערן אויף צו פרעסן פאַר די פויגלען פון הימל און פאַר די חיות פון דער ערד.

— אָ, גרויסער חסד—האָבן אַלע מיט גרויס ציטעריגיש אויסגערופן און אויף די פנימער צו דער ערד געפאַלן-גיב צייט דריי טעג, גרויסער האַר, = אפשר וועט אַללאַ זיך דערבאַרימען און באַשענקען מיט זיין געטליכן שכל די מילבן-קעפ פון דיינע אונטערטעניגע קנעכט.

- זאָל אייער ווילן געטון ווערן-האָט זיער סולטאַן באַפוילן און פאַרלאָזט דעם טראָן.

דריי טעג זיינען די חכמים געלעגן אויף דער ערד אין איינעם פון די קעניגליכע פאַלאַצן, געבעטן צו אללא,

געשאָטן זיך אַש אויף די קעפּ, אָנגעטון זעק אויף זיך, געשלאָגן זיך מיט די שווערדן איבער'ן לײַב, נאָר זיי האָבן קײַן וואָרט נישט געקאָנט איבערלייגנען. אויפ'ן דריטן טאָג האָבן זיי פון די קעפּ דעם אַש אָפּגעוואַשן, די גופים מיט בוימל געשמירט, זײַדענע קליידער אָנגעטון און פול מיט הכנעה און מורא פאַר'ן סולטאַנס גאָלדענעם טראָן אויף די פּנימער געלעגן.

— שטעהט אויף פון אײַערע ערטער - האָט דער סולטאַן מיט אַ מוראדיג קול באַפוילן - שטעהט אויף איר אַלע, חכמים, חרטומים, כשוף-מאַכער און שטערנזעהער און לייענט פאַר מיר די פרעמדע ווערטער, וואָס מײַן קעניגליך האַרץ באַגערט אַזוי צו וויסן.

— אָ, גרויסער חסד—האָבן אַלע מיט ציטערניש געענפערט און געפאַלן צו דער ערד-קליין און נישטיג זײַנען די קעפּ פון דײַנע קנעכט אָהן דעם געטליכן פונק פון אַללא און זיין הייליגן נביא.

— וואָס?—האָט דער סולטאַן מיט אַ לייבן-קול אַ געשריי געטון און די גאָלדענע רוט אויפגעהויבן אין דערהויך.

— גרויסער חסד-האָט פון ווינקל-פּאַלאַץ אַ שוואַכע אַלטע שטים זיך אָנגערופן - זאָל דער קעניגליכער חסד שענקען לײַטזעליגקײַט זײַנע קנעכט און אײַנהאַלטן זײַן קעניגליכן צאָרן. איך, אבא כאן, אַן אַלטער פּאַסטוך פון די בערג, האָבן אַ סך תּפילה געטון צו אַללא און זײַן נביא פאַר דײַן גרויסן חסד-און דער נביא האָט מײַן תּפילה דערהערט,

— דערנעהענטער זיך צו מיין קעניגליכן טראָן, — האָט דער סולטאַן באַפוילן, — זאָלן מיינע אויגן דיך זעהן און מיינע אויערן דיך הערן.

— גרויסער חסד — האָט אבא כאן געזאָגט און זיך ביים טראָן מיט הכנעה געשטעלט — אין דעם קעסטעלע ליגן צוויי ערליי וואונדער-קרייטעכצער מיט אַ באזונדער שפרוך פאַר יעדן פון זיי. דער, וואָס וועט אַ ביס טון דעם קרייטעכץ פון דער רעכטער זייט און וועט זאָגן דריי מאָל „מוטעראַל", וועט פאַרוואַנדעלט ווערן אין אַ וואַסער-באַשעפעניש און וועט פאַרשטעהן די שפּראַך פון אַלע חיות און עפות, פיש און שרצים, בוימער און גראָז, און וועט ער דערנאָך אַ ביס טון דעם קרייטעכץ פון דער לינקער זייט און זאָגן דריי מאָל: „טאַמעראַל" ווערט ער צוריק פאַרוואַנדעלט אין אַ מענש, גלייך ווי ער איז פריהער געוועזן; נאָר ווער ס'וועט אין דעם פאַרגעסן, בשעת ער וועט פאַרוואַנדעלט זיין אין אַ באַשעפעניש און וועט לאַכן מיט אַ מענשן-קול, ווי נאָר זיין מויל טוט לאַכן, פאַרגעסט ער באַלד דעם צווייטן שפרוך און מוז פאַרבלייבן אַ חיה ביז אין טויט אַריין.

— אָ, גרויסער חכם — האָט דער סולטאַן מיט פרייד אויסגערופן — פון היינט אָן זאָלסטו הייסן חכם החכמים, דער חכם איבער אַלע חכמים פון מזרח ביז מערב, — פאַלט אים אַלע צו די פיס פאַר אייערע פוסטע קעפּ, קליידט אים אָן אין קעניגליכע קליידער, מאַכט אים רייטן איבער די גאַסן פון סטאַמבול און רופט אויס מיט אַ הויך קול:

„אַזוי ווערט געטון דעם מענשן, וואָס איז דער גרע-
סטער פון אַלע חכמים פון מזרח ביז מערב.

- אָ, גרויסער חסד—האָבן אַלע אויסגערופן אין
געפאַלן אבא כאנען צו די פיס.

גאַנצע אַכט טעג האָט דער סולטאַן געמאַכט סעודות
פאַר אַלע זײַנע שרים, געטרונקען די בעסטע ווײַנען און
געגעסן די טײַערסטע שפּײַזן—אויפ'ן נײַנטן טאָג האָט ער
גערופן צו זיך זײַן שני-למלך און געזאָגט:

- מײַן קעניגליכער קאָפּ איז שוין מיד געוואָרן פון
טרינקען—באַגלייט מיך, כאלאט, איך וויל געהן שפּאַצירן
אין וואַלד, צו דערפרישן מײַן מידן גוף מיט דער געט-
ליכער, קילער לופט.

דער הימל איז געווען לויטער און בלוי, די זון האָט
העל געשײַנט, די ציפּרעסן און פּאַלעם-בוימער זײַנען
פארקראָכן מיט זייערע גרינע קעפּ אין הימל-בלויקײַט,
און פויגעלאַך גאַנצע מחנות האָבן פרעהליך געזונגען
און געצוויטשערט.

דער סולטאַן האָט אָנגעשפּאַרט זײַן רעכטע האַנט
אויף כאַלאַטס אַקסל און פאַמעליך געטראָטן איבער דער
קילער ערד. אז זיי זײַנען אראָפּ צום טאָל, האָבן זיי דער-
זעהן אַ קרישטאָלן טײַכל, ביים ברעג טײַכל אויפ'ן גרי-
נעם גראָז זײַנען צוויי ווײַסע בושלען מיט הויכע, רויטע
פיס געשטאַנען, אַרײַנגעשטעקט די לאַנגע שנאָבלען אין
וואַסער, גרינע זשאַבעלאַך אַרויסגעצויגן און זיי צופרידן
געשלונגען.

- אוי, ווי שען דאָס איז-האָט דער סולטאַן געזאָגט.
- יא, גרויסער חסד-האָט כאַלאַט געענפערט.

אַז די בושלען האָבן אפגעגעסן, האָבן זיי נאָך-אַמאָל איינגעטונקט די שנאָבלען אין וואסער, פאַרריסן די הויכע העלזער אין דערהויך און געטרונקען: גול, גול, גול...

נאָכ׳ן טרינקען, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס, איינער קעגן צווייטן, א שאָקל געטון מיט די שנאָבלען און אָנגעהויבן רעדן:

— פריק, פרוק, פראק-האָט דער עלטערער געזאָגט און א נויג געטון מיט׳ן שנאָבל.

— פראק, פרוק, פריק-האָט דער ייִנגערער געענפערט און א נויג געטון מיט׳ן שנאָבל.

דער סולטאַן האָט צוגעקוקט מיט אַ שמייכל און געזאָגט.

— אָ, כאַלאַט, מײַן אַלטער, טרײַער דינער, ווי גלוסט דאָס מײַן קעניגליך האַרץ צו וויסן, וואָס די בושלען רעדן צווישן זיך.

— גרויסער חסד—האָט כאַלאַט געענפערט-קאָן דען זײַן פאַרהויכן עפּיס אַ זאַך פאַר דעם גרויסן האַר, וואָס די זון געהט קיינמאָל נישט אונטער אין זײַן הערשאַפט!- אַללאַ האָט צוגעשיקט דײַן גרויסן חכד צוויי וואונדערליכע קרײַטעכצער, כדי פאַר דײַן חסד זאָל נישט זײַן פאַרהויכן אַפילו די שפּראַך פון פויגלען און חיות.

- גערעכט, מײַן טײַערער כאַלאַט—האָט דער סולטאַן געזאָגט—נעם, כאַלאַט, מײַן אַלטער, טרײַער דינער,

טו אַ ביס דעם קרײַטעכץ פון דער רעכטער זײַט און לאָ'מיר זעהן אַללאַס וואונדער.

– אָ, גרויסער חסד-האָט כאַלאַט געענפערט—קאָן דען דײַן קנעכט פאַרזוכן פון אַללאַס מתנה פאַר זײַן גרויסן האַר?

האָט דער סולטאַן אַרויסגענומען דאָס קעסטעלע, גענומען פאַר זיך אַ קרײַטעכץ און פאַר זײַן שני למלך אַ קרײַטעכץ, אַרײַנגענומען אין מויל און געזאָגט:

– מוטעראַל, מוטעראַל, מוטעראַל.

דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקוקט און יעדער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ ווײַסן בושעל מיט הויכע רויטע פיס און אַ לאַנגן שנאָבל.

– פראַק, פרוק, פריק-האָט דער סולטאַן אויף בושליש געזאָגט.—הער, כאַלאַט, מײַן אַלטער, טרײַער דינער, וואָס די בושלען רעדן.

– פריק, פרוק, פראַק!—האָט כאַלאַט געענפערט און געפאַלן מיט זײַן שנאָבל צו דער ערד.

זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אויף אײַן פוס, דער סולטאַן האָט אָנגעשפאַרט זײַן רעכטן פליגל אויף כאַלאַטס עק, ביידע האָבן פאַרריסן די הויכע ווײַסע העלזער און זיך אײַנגעהערט צום בושלישן געשפרעך.

– פריק, פרוק, פראַק—האָט דער עלטערער בושעל געזאָגט צום יונגן—ווי געפעלט דיר דער הײַנטיגער אי-בערבײַסן-האָסט עפּיס געכאַפּט אַ גוט זשאַבעלע?

– פראַק, פרוק, פריק!—האָט דער ייִנגערער געענפערט און דעם שנאָבל פאַרגויגט-אַ דאַנק, ליבער פרײַנט, זעהר

גוט-געכאַפּט גאָר אַ יונגינק זשאַבעלע אַ ווייכס און אַ פּעטס.

— פּראַק, פּרוק, פּריק - האָט דער עלטערער בושעל ווײַטער געפרעגט - נאָך וואָס ביזטו געקומען אַזוי פריה, מײַן טײַבעלע?

פּריק, פּרוק, פּראַק—האָט דער ייִנגערער געענפערט,- מײַן חבר מיט'ן שוואַרצן פינטל אויפ'ן שנאָבל האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ אין טײַכל זײַנען פאַראַן זעלטן גוטע זשאַבעס - בײַ אונז זײַנען בלויז אַלטע און געשוואָלענע.

— פּריק - אַזוי גאָר? האָט דער עלטערער מיט חוזק איבערגעפרעגט - ביזט גאָר אַ קונדס, חברהמאַן, האָסט ליב אַ גוטן ביסן - ע, ניט שען צו זײַן אַזוי אַרײַנגעטון אין דער אכילה, איך בין גאָר אַהער געקומען צוליב אַן אַנדער זאַך.

- פּרוק, פּריק - האָט דער ייִנגערער פאַרשעמט געענ-פערט און דעם שנאָבל אַראָפּגעלאָזט - מ'קאָן וויסן, לי-בער פרײַנט?

— פּרוק, אדרבא, טײַבעלע - בײַ אונז איז הײַנט אַ חתונה, מײַן שוועסטער מיט די רויטע אויגלאַך האָט חתונה פאַר דעם היזכן בושעל, וואָס האָט אָנגעוואָרן דעם עק בײַ אַ געשלעג - עס וועלן זײַן סאַמע חשובע געסט, די העכסטע בושלען, און מײַן מאַמע האָט מיך אַרויסגע-שיקט, כ'זאָל זיך צולערנען טאַנצן.

— פּריק, אהא! נו, פרײַנט, קאָנסטו שוין עפּיס?

— פּראַק, פּראַק, פּראַק - האָט זיך דער עלטערער פונאַנדערגעלאַכט,—אַ שאלה דאָס איז! אָט, זעה, טײַבעלע!

און ער האָט אויפגעהויבן שטאָלץ דעם שנאָבל און פאַרריסן דעם עק, אַ הויב געטון מיט׳ן רעכטן הויכן פוס, אַ פאַטש געטון מיט די פליגלען און צעלאָזט זיך אויפ׳ן גאַנצן קול:

– פראַק, פרוק, פריק!

– פראַק, פרוק, פריק-האָט דער סולטאַן אויסגע-שריגן און אַ שטויס געטון מיט׳ן שנאָבל אין כאַלאַטס זייַט-כא, כא, כא!

– פראַק, פרוק, פריק-האָט כאַלאַט געענפערט—כא, כא, כא, גרויסער חסד, כא, כאַ, כא!

אין דער רגע איז דאָס קעסטעלע פאַרשוואונדן גע-וואָרן און דער סולטאַן האָט מיט׳ן שנאָבל פון זיך די פעדערן געריסן.

– פראַק, פריק, פרוק-וועה איז צו אונז, מיר האָבן זיך פאַרגעסן און געלאַכט!

– פרוק, פריק, פראַק-האָט כאַלאַט געענפערט,-וועה איז צו אונז, גרויסער חסד, מיר האָבן זיך פאַרגעסן און געלאַכט!

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דערהויך, אויסגע-צויגן די לאַנגע העלזער, געפאָכעט מיט די פליגלען און געפלויגן און געפלויגן וואַלד-אויס, וואַלד-אייַן און אַז זיי זייַנען אָפּגעפלויגן אַ צייַט, האָט זיך דער סולטאַן אַראָפּגעלאָזט נעבן אַ טייך און געזאָגט:

– כאַלאַט מייַן אַלטער, טרייַער דינער, מייַן קעניגליך האַרץ גלוסט צו עסן.

- גרויסער חסד, — האָט כאַלאַט געענפערט און מיט'ן שנאבל צו דער ערד געפּאַקן, — דאָס האַרץ פון דיין קנעכט גלוסט אויך עסן.

— כאַלאַט, — האָט דער סולטאַן טרויעריג געפרעגט — וואָס טוט מען מיין אַלטער, טרייער דינער?

— מ'דאַרף כאַפּן זשאַבעלאַך, גרויסער חסד, — האָט כאַלאַט געענפערט.

און זיי האָבן אַריינגעשטעקט די שנאבלען, אַרויס־געצויגן גרינע זשאַבעס און געשלונגען.

— פררראק, — האָט דער סולטאַן זיך פאַרקרימט, — ווי שלעכט דאָס איז פאַר מיין קעניגליכן גומען.

— פררררוק, גרויסער חסד, - האָט כאַלאַט געענפערט — ווי שלעכט דאָס איז פאַר'ן גומען פון דיין קנעכט.

אַז זיי האָבן זיך גענוג אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָבן זיי גענומען פליהען אין וועג אַריין קיין סטאַמבול און אַוועקגעשטעלט זיך אויפ'ן דאַך פון סולטאַנס בלויען פּאַלאַץ.

אין שטאָט איז געווען אַ בהלה און אַ טרויער. קעניג־ליכע לויפער זיינען געלאָפן, ווי אינדען איבער די גאַסן פון סטאַמבול, כהנים האָבן זיך די בערד געריסן און מיט שווערדן די נאַקעטע קערפּערס זיך געשלאָגן, און פרויען האָבן פון זיך די קליידער געריסן און הויך געיאָמערט:

— אַללאַ, אַללאַ, וואו איז אונזער סולטאַן, אַללאַ?

— פּראַק, פּריק, פּרוק — האָט דער סולטאַן געשריגן מיט'ן גאַנצן שנאבל - דאָ בין איך, אייער סולטאַן און הערשער!

נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט, און, מיד ווערנדיג פון שרייַען, איז ער מיט א פאַרביטערט האַרץ צוריק אין וואַלד מיט זיַין שני-למלך אַוועק געפלויגן.

דריי טעג איז דער סולטאַן און זיַין שני-למלך ווידער געפלויגן וואַלד-אויס, וואַלד-איַין און ערשט פאַרנאַכט צוריק אין סטאַמבול געקומען און זיך אויפ'ן דאַך פון בלויען פּאַלאַץ אַוועקגעשטעלט.

אין שטאָט איז געווען טומלדיג און פרעהליך. גאַנצע פעסער בוימל זיַינען געשטאַנען אויף די גאַסן ווייבער האָבן געוואָרפן אַהין זיַידענע שאַלן און געצונדן, און קינדער האָבן פרעהליך מיט די הענטלאַך געפּאַטשט. טויזנטער סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן און פרעהליך געטרומייטערט און געפּויקט - אַלע געזונגען און געטאַנצט, און קולות אָהן אַ שיעור האָבן די הימלען געשפּאָלטן.

— אַללאַ, אַללאַ, זאָל לעבן דער נייַער קעניג!

- פּראַק, פּריק, פּרוק — האָט דער סולטאַן אויפ'ן גאַנצן שנאָבל געשריגן - איך בין דאָ, אייַער אמתער קעניג, איך בין דאָ!

נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט, און, מיד ווערנדיג פון שרייען, האָט ער אַ פּאָך געטון מיט די פליגלען און צוזאַמען מיט זיין שני-למלך אין וואַלד אַוועקגעפלויגן.

- וואַלד-איַין וואַלד-אויס, איז דער סולטאַן מיט זיין שני-למלך איבער בערג און טאָלן געפלויגן, בייַטאָג זשאַ-

בעס געכאַפּט און בײנאַכט אין נעסטן געזעכטיגט און ביסלאַכווײַז זיך אָנגעהויבן מיאוש זײַן צו ווערן צוריק מענשן.

אַמאָל בײנאַכט זײַנען זײ צוגעקומען צו אַ מדבר און דערזעהן, אַ פּאַווע שטעהט אויף אַ דאַך פון אַ חרובן פּאַלאַץ און קלאָגט מיט אַ יאָמערליך קול.

- וואָס איז דיר אַזוינס, ליבע פּאַווע, - האָט דער סולטאַן געפרעגט און קעניגליך מיט זײַן שנאָבל זיך פאַרנויגט, וואָס קלאָגסטו אַזוי שרעקליך מיט אַזאַ יאָמערליך קול?

- פּיט, פּיט, פּיט - האָט די פּאַווע טרויעריג געענפערט - נישטאָ קײַן ברעג צו מײנע ליידן, מײַן האַר, נישטאָ קײַן גלײכן צו מײן אומגליק: איך בין געווען אַמאָל אַ בת-מלכה, די שענסטע פּרינצעסין פון דער גאַנצער וועלט - איך האָב געהאַט אויגן, וואָס זײַנען בלויער געווען, ווי דער הימל, און האָר, גילדענער פון גינגאָלד — די גרעסטע מלכים האָבן מײַן פאָטער גאַנצע מלוכות אַוועקגעשאָנקען, ער זאָל מיך פאַר אַ ווייב זיי אָפּגעבן, די שענסטע פּרינצן האָבן אויסגעבויט פאַר מיר פּאַלאַצן פון קרישטאָל און גינגאָלד - מיט קרעקן דעם דאַך געדעקט און טײַערע בריליאַנטן פאַר פענסטער אַרײנגעשטעלט, נאָר איך האָב זיך גרויס געהאַלטן און אַלעמען אָפּגעזאָגט, און דערפאַר האָט מיך אַללאַ געשטראָפט: אַ כשוף-מאַכער האָט אָנגערעדט אַ פויגל, ער זאָל בײַ מיר אַ גאָלדענע האָר אַרויס-רײסן; מיט דער האָר האָט ער מיר כשוף געטון און אין אַ פּאַווע מיך פאַרוואַנדעלט. אַט אַזוי שטעה איך שוין צענדליגער יאָרן און קלאָג טאָג און נאַכט אויף מײַן לעבן.

- פראַק, פרוק, פריק - האָט דער סולטאַן מיט רחמנות געענפערט - איך פאַרשטעה דײַן אומגליק, שענע פרינצעסן - איך בין אויך געווען אַ גרויסער הערשער, טויזנטער מלכים האָבן פאַר מײַן טראָן געקניהט, פרינצן האָבן מײַן טיש באַדינט און איצט מוז איך זײַן אַ בושעל. און עסן גרינע זשאַבעס, אָבער זאָג מיר, מײַן ליבע, ווי לאַנג דויערט שוין דײַן אומגליק?

- אָ גרויסער הערשער, - האָט די פּאַווע טרויעריג געענפערט. - איך שטעה שוין אַזוי אַ סך, אַ סך יאָרן, נאָר אַ סאָווע האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל צוריק ווערן אַ בת מלכה, טויזנט מאל שענער ווי איך בין געווען, אויב אַ מענש וועט וועלן מיט מיר חתונה האָבן, בשעת איך בין נאָך אַ פּאַווע, און איך וואַרט טאָג-אײַן, טאָג-אויס, יאָר-אײַן, יאָר-אויס.

- פריק, פרוק — האָט דער סולטאַן געענפערט - און אויסגעשטרעקט זיין רעכטן, לאַנגן פוס -- פריק, דו שענ-סטע פון אַלע טעכטער — איך שווער דיר בײַ מײַן קרוין חתונה צו האָבן מיט דיר.

- פּיט, גרויסער הערשער - האָט די פּאַווע געענפערט און אויסגעשטעקט אַ פוס — איך בין מסכים, גרויסער מלך.
- פראַק, מײַן מלאכל, — האָט דער סולטאַן געזאָגט, - לאָ׳מיר אוועק פליהען אין וואַלד און זיך באַזעצן אין מײַן נעסט.

פּיט, - טײַערער מאַן און הערשער, - האָט די פּאַווע געענפערט - איך קאָן נישט - הײַנט בײַנאַכט זאָמלען זיך

דאָ צונויף אין פּאַלאַץ אַלע שדים און מכשפים מיט׳ן אשמדאי און לילית—און איך וויל וויסן, וואָס זיי רעדן.

- פּריקי, טייבל, אַזוי גאָר? אויב אַזוי, בלייב איך אויך, ווייל אויך מיין קעניגליך האַרץ האָט לוסט צו וויסן, וואָס זיי רעדן.

פונקט צוועלף בייַנאַכט האָבן זיך טויזנטער שדים באַוויזן אין דער לופט, אַלע מיט שוואַרצע פליגלען, שפּיציגע הערנער, לאַנגע עקן און צו טויזנטער גרינע אויגן פון אַלע זייַטן. פון אַלע וועגן האָבן געריטן אַלטע, דאַרע מכשפות אויף בעזימער און רייַפן און שוואַרץ-בערדיגע מכשפים אויף לייבן און לעמפּערטן.

באַלד האָבן גרויסע שדים געבראַכט צו שלעפּן גרויסע פּעסער סמאָלע און פייַערדיגע שטורקאַצן אָהין אַרייַנגעוואָרפן, קלייַנע שדים׳לאַך האָבן הילכיג געלאַכט, געריסן איינער דעם אַנדערן ביים עקל, געמיאַטושעט, ווי קעץ, און זיך מיט הייסע, ברענענדיגע סמאָלע גע-וואָרפן.

אין פּאַלאַץ, אין חורבה האָט מען די ווענט מיט שלאַנגען און ווערים אויסגעהאַנגען, פון שטעכעדיגע דערנער אַ טיש מיט שטולן אוועקגעשטעלט, גרויסע פלעשער מיט גרינעם סם און גרויסע שוואַרצע בעכער צוגעגרייט. מיט אַמאָל איז געוואָרן אַ שרעקליך מיאַו-טשעריי צווישן אַלע שדים - פון רויטן הימל האָבן זיך צוויי שוואַרצע שאָטנס אַראָפּגעלאָזט, אַ מאַנסביל מיט אַ באָרד פון לעבעדיגע שלאַנגען, רייַטנדיג אויף אַ פעפער-

באָטער, און אַ פּרוי מיט גרויסע שוואַרצע פליגלען, רײַטנ־דיג אויף אַ האָן מיט׳ן פּנים צום עק.

— מיאַו, מיאַו, - האָבן אַלע שדים געשריגן און גע־וואָרפן אַנטקעגן ברענענדיגע סמאָלע.

- מאַכט אַ וואַרע, שדים, עס רײַט אונזער מלך אשמדאי, עס רײַט אונזער מלכּה לילית!

— מיאַו, מיאַו, - האָבן די שאָטנס געענפערט און אַרײַן דורכ׳ן קוימען אין פּאַלאַץ און־זיך אויף די שטעכעדיגע שטולן אַוועקגעזעצט.

קליינע שדימלאַך האָבן אָנגעגאָסן גרויסע בעכער מיט סם, אשמדאי און לילית האָבן גענומען אין די הענט די כּוסות און אויסגערופן:

- למות, שדים!

— למות, למות—האָבן אַלע געענפערט און זיך גע־כאַפּט צו די כּוסות.

- שדים און שדות, מכשפים און מכשפות-האָט אַשמדאַי אויסגערופן און געגלעט זײַן פּאַרוואָקסענע שלאַנגען־באָרד—דערצעהלט יעדער באַזונדער, וואָס האָט יעדער פון אײַך אָפּגעטון.

- גרויסער, אַלמעכטיגער אַשמדאַי—האָט אַ מכשף זיך אָנגערופן—זאָל דײַן פינסטערניש אויסהערן מיך דעם ערשטן.

— רעד,—האָט אשמדאַי געענפערט.

— איך בין געגאַנגען אין באַגדאַד—האָט־דער מכשף דערצעהלט—אויף דער גאס זײַנען געווען ערדענע טעפּ אויסגעשטעלט. האָב איך געמאַכט אַ פאַרבלענדעניש זיי

זאָלן אויסזעהן ווי הינט. דער טעפּער האָט גענומען אַ שטעקן און האָט זיי געשלאָגן און אַלע זיינע טעפּ צעבּראָכן.

— מיאַו, מיאו, מיאו האָבּן די שדים געשריגן - גוט האָסטו געטון, כאַדשוזי-באַדזשי - נאַ דיר אַ שטיק סמאָלע אין פּנים!

— ווייטער,—האָט אַשמדאַי באַפעהלט און זיין שלאַנגען באָרד געגלעט.

— זאָל דיין פינסטערניש מיך אויסהערן—האָט אַ מכשפה, אהן ציין, געזאָגט: איבּער די גאַסן פון סטאַמבּול איז אַ הינקענדיגער מענש געגיינגען, האָבּ איך פון אים אַן אייזל געמאַכט אַ כהן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים רייטן און בּיידע זיינען אומגעפאַלן און זיך רוק און לענד צעבּראָכן.

— מיאו, מיאו,—האָבּן שדים געלאַכט און זיך בּיי די ציגענע בּערדלאַך געריסן.

— גוט האָסטו געטון, אַלאַ-בּאַלאַ! נאַ'דיר אַ שטיק סמאָלע אין פּרצוף.

— ווייטער—האָט אַשמדאַי באַפעהלט און זיין שלאַנגען-באָרד געגלעט.

— זאָל דיין פינסטערניש מיך אויסהערן—האָט אַ דריטער מכשף געזאָגט.—אַזאַ שטיקל, ווי איך האָבּ אָפּגעטון, האָט נאָך קיינער ניט. איך האָבּ געמאַכט פון טערקישן סולטאַן אַ בּושעל און מיין זון פאַר סולטאַן געמאַכט.

— מיאו׳ מיאו׳—האָבן שדים זיך דערפרעהט און מיט די הערנער זיך געשטויסן—גוט, אַלי־מאַלי—זעצט אים אַרײַן אין אַ פֿאַס סמאָלע דערפֿאַר!

— שטיל׳ שדים,—האָט אַשמדאַי מיט די הענט אַ פּאַטש געטון און עטליכע שדישע פֿינגער זיך אָפּגע־בראָכן—דערצעהל׳ אַלי־מאַלי׳ ווי אַזוי ס׳איז געשעהן!

— כאַ, כאַ, כאַ, האָט אלי־מאַלי געלאַכט—איך האָב דעם סולטאַן געגעבן קרײַטעכצער צו עסן, אַזעלכע וואָס מ׳טאָר נישט לאַכן בעת מ׳עסט זיי. דערנאָך האָב איך זיך פֿאַר אַ בושעל פֿאַרשטעלט און אים לאַכעדיג געמאַכט, און ער עסט איצט גרינע זשאַבעס-כאַ, כאַ, כאַ! און מײַן זון איז אַ מלך געוואָרן, כאַ, כאַ, כאַ!

—ביזט ווערט אַ גאַנצן כּוס מיט סם,—האָט אַשמדאַי געזאָגט,—נאָר זאָג מיר נאָר, וואָס פֿאַר אַ שפּרוך האָבן עס די קרייטעכצער געהאַט?

— מוטעראַל און טאַמעראַל, האָט אַלי־מאַלי גע־ענפֿערט.

— טאַמעראַל, טאַמעראַל, טאַמעראַל!-האָט דער סול-טאַן מיט זײַן שני-למלך הויך אויסגעשריגן.

— היפּ. היפּ-האָט אַ בלאָז געגעבן פֿון אַלע זײַטן און אַלץ איז פֿאַרשוואונדן. דער סולטאַן איז געשטאַנען מיט דער קרוין אויפֿ׳ן קאָפּ און מיט׳ן קעסטעלע אין האַנט, כאַלאַט אַלבאַקאַשאַ אין זײַדענעם מאַנטל, און נעבן זיי די פּרינצעסין אין אַ ווײַס זײַדן קלייד מיט אַזעלכע בלויע אויגן און גאָלדענע האָר, אַז דער גאַנצער מדבר האָט געלויכטן ווי אין מיטן העלן טאָג.

- אָ מײַן גאָלדענע פּרינצעסין — האָט דער סולטאַן מיט גרויס פרייד אויסגעשריגן.

- אָ, מײַן מאַן און הערשער - האָט די פּרינצעסין מיט גרויס פרייד געענטפערט.

גאַנצע הונדערט טעג און נעכט האָט דאָס פאָלק געפייערט די חתונה פֿון געפונענעם סולטאַן מיט דער גאָלדענער פּרינצעסין אַלי-מאַלי און זיין זון האָט מען מוטעראַל געגעבן און פאַר אַ בושעל זיי געמאַכט. דער סולטאַן האָט געלעבט זעהער גליקליך מיט דער גאָלדענער בת מלכּה און יעדן טאָג נאָכ'ן קעניגליכן מיטאָג האָט דער סולטאַן גענומען זײַן מלכּה, אַרײַנגעגאַנגען אין גאָרטן, וואו דער פריהערדיגער כולטאַן מיט זײַן טאַטן זײַגען איצט אין אַ שטײַג געשטאַנען און געקוקט מיט הנאה, ווי זיי טאַנצן מיט די הויכע, רויטע פיס און שלינגען גרינע זשאַבעס.

פרייז 80 קאפ.

„קיעווער פארלאג״

„שול-ביבליאטעק״

מענדעלי מו״ס — דאס קליבל	—.50
שלום-עליכם — א פארשטערטער פסח	—.60
י. ל. פרץ — נסים אויפ׳ן ים	—.40
מ. ז. פייערבערג — ביינאכט (פון העברעאיש ב. קלוצקי)	—.90
יעקב פיכמאן — שבת אין וואלד. (פאלקסמעשה)	—.55
א. ראובני — קינדער.	—.75
ל. נ. טאלסטאי — דער ריכטער (פון רוסיש צבי הירשקאן)	—.75
ה. אנדערסען — האנס דער נאר (יידיש — דער נסתר)	—.60
א. דאדע — די הייסע ציג (פון פראנצויזיש ב. סליצקי)	—.30
איוו. פראנקא — דער האז אין שטעכער (פון אוקר. ד. האפשטיין)	—.30
נאטור-מעשהלאך: א. גאלאמב — בענים היים	—.40
" " " " — דאס פראשינגל	—.35
פאלקס-מעשהלאך: א. קאַרמאן — א מעשה פון דריי ברידער	—.30
נאך וו. האאוף י. י. זינגער — דער ביטעל דער מיך	—.75
א. אוּאיילד — דער גליקלעכער פרינץ (פון ענגליש י. האפמאן)	—.50
ת. יאַרעשי — דער פראסט אויף דער הייד (פון רוסיש ע. קאַרמאן)	—.50
ע. ד׳אמיטשיס — די בלינדע קינדער (פון איטאליעניש י. גיטנאַו)	—.50

אויסשליסלעכער פארקויף אין צענטראלן ביכער-לאגער פון
„קולטור-ליגע״, קיעוו, גרויס-וואסילקאווער גאס 4.